**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/7/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## סטעיטמענט פון גאווערנער קעטי האוקול

"פרעזידענטביידן'ס 'סטעיט אָוו די יוניאן' רעדע איז איינגעווארצלט אין זיין אפטימיסטישע חזון פאר אונזער צוקונפט – אזא צוקונפט וואס הייבט אונטער פאמיליעס אין די ארבעטנדע און מיטעלע קלאס וועלכע האבן געבויט אונזער לאנד – און די רעדע איז אין שארפע קאנטראסט אין פארגלייך צו די וועלכע פרובירן צו צוטיילן די לאנד און אונז פירן אויף צוריק. אונטער זיין פירערשאפט האבן מיר געזעהן היסטאריש-נידעריגע ארבעטסלאזיגקייט און רעקארד-הויכע צאלן פון נייע דזשאבס, פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונג אין אונזער אינפראסטרוקטור און אין די אינדוסטריעס פון די צוקונפט און דייטליכע באשיצונג פון פרויען'ס רעכטן צו מאכן זייערע אייגענע באשלוסן איבער זייערע קערפער.

איך אפלאדיר פרעזידענט ביידן פאר זיין שטיצע פון אוקראינע, פארטיידיגונג פון דעמאקראטיע און זיין פארלאנג פאר שכל'דיגע לייזונגען צו פארזיכערן אונזער גרעניץ. דער פרעזידענט האט פארגעשטעלט זיין פלאן צו פארזיכערן אונזער גרעניץ און צו שאפן לעגאלע וועגן פאר מיגראנטן און פליטים צו ארבעטן. יעצט דארפן מיר אז רעפובליקאנער זאלן אויפהערן בלאקירן אן אומפארטייאישע ביל און אדרעסירן דעם מיגראנטן קריזיס וואס שטרענגט איבער ניו יארק.

פרעזידענט ביידן פארשטייט אויך וויפיל עס ליגט אויפן וואגשאל אויב מיר ברענגען נישט אן ענדע צו גאן פארברעכן. נאך א טראגעדיע וואס האט פאסירט צו נאענט אהיים, האב איך אריבערגעפירט שטארקע גאן געזעצן צו באשיצן ניו יארקער. אבער רעפובליקאנער אין קאנגרעס האבן זיך אפגעזאגט פון טוהן דאס זעלבע. עס איז העכסט צייט צו ברענגען אן ענדע צו זינלאזע גאן פארברעכן.

פרעזידענט ביידן האט געשיקט א קלארע מעסעדזש אז דעמאקראטן קעמפן פאר אמעריקאנע פאמיליעס. איך בין שטאלץ צו פארזעצן צו ארבעטן מיט זיין אדמיניסטראציע צו בויען א שטערקערע, מער בליהענדע ניו יארק."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418